איינע פון די גרויסע עקרים אין אידישקייט איז דער ענין פון האבן א קשר מיטן בית המקדש, מיט ציון און ירושלים און מיט ארץ ישראל; ווי מען זעט אינעם 'חלק הנגלה' פון דער תורה, וויפיל הלכות עס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אויף דעם ענין פון האבן א קשר צו ירושלים, וויפיל ענינים וואס מען מאכט צוליב 'זכר לחורבן', אלס 'אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי', און בפרט די אלע הלכות פון בין המצרים און תשעה באב - וואס דאס איז כל כולו אוועקגעשטעלט אויף דעם ענין פון האבן א קשר מיטן בית המקדש וועלכער איז חרוב געווארן אין די טעג. און וויפיל דאס איז אן עיקר אינעם 'חלק הנגלה' - איז עס נאך אסאך א גרעסערער עיקר אינעם 'חלק הנסתר' פון דער תורה! **ביי אלע צדיקים און עובדי ה' פון די פריערדיגע דורות איז געווען א גרויסער עיקר אינעם גאנצן עבודת ה' צו האבן שייכות קיין ארץ ישראל**, צי דורך 'תיקון חצות' און פארשידענע עניני אבילות אויפן חורבן, צי דורך שיקן געלט קיין ארץ ישראל וכדומה. אבער דער עיקר נקודה איז נישט נאר געווען די מעשים וואס מען האט געטון דערצו, נאר דאס הארץ וואס מען האט געהאט דערצו! די גאנצע עבודת ה' האט זיך געדרייט ארום א טיפן קשר צום ענין פון ציון, ירושלים און בית המקדש! מען האט געלעבט מיט א טיפן געפיל פון 'געגועים' און בענקעניש צו ביאת משיח און בנין בית המקדש! עס האט זיך געשפירט אז אלע עבודות וואס מען טוט האט נישט קיין שלימות - ווילאנג עס וועט נישט זיין דער זאך וואס דער רבונו של עולם האט אוועק געשטעלט אויף דער וועלט - וועלכע רופט זיך 'ציון וירושלים'.

**יעדער איד שפירט דעם קשר - נאר מען ווייסט נישט וואס מען שפירט**

מען וועט פרובירן אביסל מסביר צו זיין: וואס איז דאס 'ציון וירושלים'?! וויאזוי איז מען זיך מקשר דערצו?! וויאזוי באקומט מען א געפיל דערצו?! און כאטש וואס דער ענין איז זייער איידל, און א גרויס טייל דערפון קען מען בכלל נישט מסביר זיין, ווייל **עס איז א געפיל וואס האט נישט קיין ווערטער און איז העכער פון יעדן שכל'דיגן הסבר, און יעדע אידישע נשמה איז דאס מרגיש טיף אינערליך אין הארץ** - דאך דארף מען פרובירן אויף וויפיל עס איז שייך אריינצוטראכטן און מסביר זיין בערך פון וואס מען רעדט, כדי מען זאל קענען מגלה זיין דעם טיפן באהאלטענעם געפיל, זיך אנכאפן דערין און באקומען א קשר און שייכות - נישט נאר אין די דריי וואכן, נאר אויך א גאנץ יאר - צו 'ציון וירושלים'.

**דער רבוש"ע האט 'בוחר' געווען אין 'ארץ ישראל' און 'ירושלים'**

מען ווייסט פון אלע ספרים אז דער קשר צווישן דעם רבונו של עולם מיט כלל ישראל איז געבויעט אויף 'בחירתו יתברך' - דער רבונו של עולם האט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער צו זיין זיין פאלק, 'עם הנבחר', וואס דאס איז נישט געבויעט אויף קיין שום זייטיגע סיבה, נאר עס שטאמט בלויז פונעם גרויסן רצון און אהבה וואס דער רבונו של עולם האט אונז ליב; ווי מען זאגט יעדן טאג ביים דאווענען: "הבוחר בעמו ישראל באהבה". עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז ממש די זעלבע לשונות פון 'בחירה' טרעפט מען ווען עס קומט צום ענין פון 'ציון וירושלים'; ווי עס שטייט אסאך מאל אין דער תורה (כמו; דברים יב, ה; ועוד): "אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֵיכֶם מִכָּל שִׁבְטֵיכֶם", און ווי עס שטייט אין תהלים (קלב, יג): "כִּי בָחַר ה' בְּצִיּוֹן אִוָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ". און עס שטייט ווייטער אין פסוק א געוואלדיגן לשון (שם יד): "זֹאת מְנוּחָתִי עֲדֵי עַד פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ" - דער רבונו של עולם זאגט: "איך האב שוין געהאט פארשידענע פלעצער ווי איך האב גערוהט; ווי עס שטייט (דברי הימים-א יז, ה): "וָאֶהְיֶה מֵאֹהֶל אֶל אֹהֶל וּמִמִּשְׁכָּן", אבער איינמאל איך בין אנגעקומען קיין ציון - וויל איך שוין נישט גיין אין ערגעץ! 'זאת מנוחתי עדי עד' - דא איז מיין פלאץ אויף אייביג, און נישט ערגעץ אנדערש!". און דער רבונו של עולם זאגט נאך צו א טעם: "פארוואס וויל איך דא בלייבן רוען?! 'כי אויתיה' - ווייל איך האב דאס געגלוסט! איך האב ליב דעם פלאץ און

**נקודות:**

ביי אלע צדיקים און עובדי ה' פון די פריערדיגע דורות האט זיך די גאנצע עבודת ה' געדרייט ארום א טיפן קשר צום ענין פון ציון, ירושלים און בית המקדש! עס האט זיך געשפירט אז אלע עבודות וואס מען טוט אין גלות האט נישט קיין שלימות

## נקודות:

'זאת מנוחתי עדי עד' – דא איז מיין פלאץ אויף אייביג, און נישט ערגעץ אנדערש! און דער רבונו של עולם זאגט נאך צו א טעם: פארוואס וויל איך דא בלייבן רוען?! 'כי אויתיה' – ווייל איך האב דאס געגלוסט! איך האב בוחר געווען דעם פלאץ ווייל איך האב עס ליב

~

דער מכוון פון גאנץ תורה און מצוות איז, אז דורכדעם זאל מען צוקומען צו א מורא'דיגן קשר פון אהבה און יחוד מיטן רבונו של עולם, און כדי צו קענען לעבן שטענדיג מיט דעם קשר – האט דער רבונו של עולם אויסגעוועלט א ספעציעלן פלאץ וואס דארט ווערט מקויים דער 'ושכנתי בתוכם', דארט וואוינט דער רבונו של עולם צוזאמען מיטן כלל ישראל

איך וועל דאס נישט אויפטוישן מיט קיין שום אנדערן מקום! איך האב דאס בוחר געווען צוליב מיין אהבה!". פון דעם זעט מען, אז דאס איז אזא גרויסער יסוד אין גאנץ אידישקייט, אז פונקט ווי דער רבונו של עולם האט 'בוחר' געווען אין כלל ישראל מיט אן 'אהבה' - אזוי האט ער אויך 'בוחר' געווען אינעם 'מקום המקדש' מיט אן 'אהבה'! דארף מען פארשטיין: וואספארא זאך טוט זיך אפ אינעם מקום המקדש - וואס דאס שפילט אזא הויפט ראלע אין גאנץ עבודת ה'?!

**אלע תרי"ג מצוות צילן צו איין הויפט נקודה**

ווען מיר קוקן אָן די תורה ומצוות - זעען מיר זעקס-הונדערט-און-דרייצן פרטים, וועלכע צוטיילן זיך אויף צענדליגע טויזנטע פרטים. אבער יעדער בר דעת פארשטייט, אז די אלע פרטים האט עפעס איין מכוון! דער רבונו של עולם האט נישט געוואלט טויזנטע זאכן, ער האט געוואלט בלויז איין זאך - וואס די אלע טויזנטע פרטים ברענגען אז מען זאל אנקומען צו יענע זאך! עס מוז זיין אז עס איז פארהאן עפעס א תכלית - וואס צוליב דעם האט דער אויבערשטער מצוה געווען תורה ומצוות פאר כלל ישראל! מען קען נישט זאגן אז דער תכלית איז בלויז דער שכר עולם הבא וואס מען וועט באקומען אויף יענע וועלט, ווייל עס מוז זיין אז אויך אויף דער וועלט איז פארהאן א געוויסע שלימות'דיגע אויפטוה וואס דארף זיך אויפטון דורך תורה און מצוות. דארף מען פארשטיין: וואס איז טאקע אט דער מכוון?!

**תורה איז נישט סתם א באפעל - נאר עס איז א 'קשר חיתון'**

דער תירוץ האבן אונז חז"ל מגלה געווען אויפן פסוק (שיר השירים ג, יא): "בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ", זאגן חז"ל (תענית כו:): "ביום חתונתו זה מתן תורה". דא ליגט דער גאנצער סוד פון תורה און מצוות, חז"ל זאגן אונז דא, אז **'מתן תורה' איז נישט סתם א באפעל פונעם רבונו של עולם צו די נבראים, נאר 'מתן תורה איז א חתונה! א חתונה פון כלל ישראל מיטן רבונו של עולם!** אין אנדערע ווערטער: דער מכוון פון גאנץ תורה און מצוות איז, אז דורכדעם זאל מען צוקומען צו א מורא'דיגן קשר פון אהבה און יחוד מיטן רבונו של עולם - וואס דער גרעסטער דוגמא וואס מען קען צושטעלן דערצו אין דער וועלט - איז דער קשר און אהבה פון א 'חתונה'; ווי עס שטייט אין שיר השירים. דאס איז דער גרעסטער סארט 'קשר', דעריבער נוצט מען דאס אלס דוגמא, אבער אינ'אמת'ן איז נישטא קיין דוגמא דערויף! עס איז א 'נמשל' וועלכע האט נישט קיין שום 'משל' אויף דער וועלט! עס איז פארהאן בלויז איין זאך וועלכע איז אזוי: 'כנסת ישראל עם דודה'.

**'לשם יחוד' - מען ווערט כביכול 'איינס' מיטן רבוש"ע**

דאס איז דער סוד פון 'לשם יחוד' וואס מען זאגט בעפאר מען טוט א מצוה. עס איז פארהאן א געטליכקייט וועלכע רופט זיך 'כלליות ישראל', דאס איז דער כלליות פון אלע אידישע נשמות, אלע 'חלקי אלוק ממעל' - דאס רופט זיך 'שכינתיה', ווייל דאס איז 'שוכן' אין דער וועלט. און עס איז פארהאן א בחינה פון 'קודשא בריך היא', דאס איז די געטליכקייט פונעם רבונו של עולם וועלכע שטייט העכער פון דער וועלט און עס איז נישט אראפגעקומען אויף דער וועלט. און דורכדעם וואס א איד - וואס ער איז א חלק פון דער 'שכינה' - טוט א מצוה דא אויף דער וועלט, איז ער מייחד דעם 'קודשא בריך הוא' מיט דער 'שכינה', דער איד מיטן רבונו של עולם ווערן 'איינס' בתכלית היחוד.

**דער וואס האט נישט דעם געפיל - ווייסט נישט וויאזוי מען קען אנקומען צו 'לשמה'**

מען וועט געבן א דוגמא וואו מען קען זען דעם חילוק צווישן איינער וואס זיין שייכות צום רבונו של עולם איז 'בדוגמת חתן וכלה', צו איינער וועלכער האט נישט דעם נאנטקייט. עס איז באקאנט פון חז"ל און פון אלע ספרים, די גרויסקייט פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות 'לשמה'. **ביי א מענטש וועלכער האט נישט אנטוויקלט דעם געפיל פון נאנטקייט און קשר צום רבונו של עולם - איז 'לשמה' זייער א שווערע און פרומע זאך**, ביי אים טייטשט זיך אפ 'לשמה': "איך טאר נישט הנאה האבן פון תורה! איך טאר נישט מיינען מיר! איך מוז מיינען בלויז דעם אויבערשטן!". דעריבער, זוכט ער עצות וויאזוי מען קומט צו צום 'לשמה', ער איז זיך אסאך מחזק מיטן מאמר חז"ל (פסחים נ:): "מתוך שלא לשמה בא לשמה" - אז איין טאג וועט ער נאך אנקומען צום 'לשמה'. בקיצור: 'לשמה' דרייט זיך ארום 'שלילי' און נעגאטיוו, אז מען 'טאר נישט' טראכטן פון אייגענע אינטערעסען!

**א טאטע האט א נאטורליכע געפיל פון 'לשמה' צו זיין קינד**

ווידעראום, ביי א מענטש וועלכער האט אנטוויקלט דעם געפיל פונעם קשר צום רבונו של עולם איז 'לשמה' א פשוט'ע און לייכטע זאך. עס איז פונקט ווי מען זאל למשל אנזאגן פאר א טאטן: "ווען דיין קינד איז הונגעריג און דו גיבסט אים צו עסן, זאלסטו זען נישט אינזין צו האבן דיינע אייגענע אינטערעסן - אז מענטשן זאלן זאגן אז דו ביסט א גוטער טאטע, אדער אז שפעטער זאלסטו באקומען טובות אויף צוריק פון דיין קינד, ער זאל דיר מכבד זיין וכדומה - נאר דו זאלסט בלויז טראכטן אז דו ווילסט די טובה פונעם קינד!". נו, צי דען וועט עס אנקומען שווער פארן טאטן?! עס וועט זיין ביי אים א שווערע נעגאטיווע עבודה?! זיכער אז נישט! ווייל יעדער טאטע פארשטייט דאס זייער גוט און פשוט! **יעדער טאטע מיינט סייווי 'לשמה' פונעם קינד! יעדער טאטע מיינט סייווי נאר דעם טובה פונעם קינד און נישט קיין שום זייטיגע כונה!** און אויב וועט אים א מענטש פרעגן: "אויב דו מיינסט נישט דיר, טא, פארוואס טוסטו דאס?! וואס האסטו דערפון?!", וועט ער אים ענטפערן: "פון דיין שאלה זעה איך אז דו ווייסט נישט וואס עס מיינט א קשר צווישן א טאטע און א קינד, ווייל ווען יא - וואלסטו נישט געפרעגט אזא שאלה! וואס הייסט 'וואס איך האב דערפון'? **אויב מיין קינד האט הנאה דערפון - האב איך הנאה! ווייל 'איך' און מיין 'קינד' זענען 'איינס'! ווען איך מיין בלויז די ריינע טובה פון מיין קינד - איז דאס נישט קיין 'פייניגונג' פאר מיר, פארקערט, דאס איז א 'תענוג' פאר מיר!**".

**א איד וואס שפירט זיך נאנט צום רבוש"ע - איז זייער לייכט צו טון מצוות לשמה**

ווען מען זאגט אז א איד דארף מקיים זיין תורה ומצוות 'לשמה', האט מען נישט געמיינט דערמיט צו צולייגן נאך א 'דין' און נאך א פרט צווישן די טויזנטע 'פרטי המצוות', מען האט געמיינט צו זאגן, אז א איד דארף זען צו אנטוויקלען א געפיל פון 'כנסת ישראל עם דודה' - א געוואלדיגן קשר מיטן רבונו של עולם, און דעמאלט וועט אים בכלל נישט אנקומען שווער צו טון יעדע זאך 'לשמה'! **עס וועט אים זיין א 'תענוג' און א 'שמחה' אז ער קען מאכן א נחת רוח פארן רבונו של עולם! ווייל דאס איז דאך זיין גרעסטער אוהב מיט וועמען ער איז נאנט מיט דער גרעסטער נאנטקייט!** ער איז מקושר צו אים מיטן שטארקסטן קשר! ער איז מיוחד מיט אים מיטן גרעסטן 'יחוד' - וואס עס איז נישט שייך קיין גרעסערע 'יחוד' ווי דאס.

ב.

# תוכו רצוף אהבה: דער פלאץ וואו עס ברענגט זיך ארויס דער 'קשר אהבה'

**ושכנתי בתוכם - דער רבוש"ע רוהט בקביעות צווישן אידן אויף דער וועלט**

כדי צו קענען לעבן שטענדיג מיט דעם קשר און יחוד פון דער חתונה - האט דער רבונו של עולם אויסגעוועלט א ספעציעלן פלאץ וועלכע איז 'תוכו רצוף אהבה', דער רבונו של עולם האט ליב דעם מקום, און דארט ווערט מקויים דער 'ושכנתי בתוכם', דארט וואוינט דער רבונו של עולם צוזאמען מיטן כלל ישראל וועמען ער האט אויסגעוועלט מיט אהבה; ווי חז"ל זאגן (תענית כו:): "וביום שמחת לבו זה בנין בית המקדש". דאס הייסט, אז נאכן 'יום חתונתו זה מתן תורה', גייט מען ארויף א טרעפל און מען קומט אָן צום 'יום שמחת לבו זה בנין בית המקדש', וואס דארט איז געווארן אויפגעשפילט בשלימות דער 'יום חתונתו' פון מתן תורה. ווען א איד איז געקומען קיין ירושלים, האט ער עומד געווען אויף דעם ענין וואס רופט זיך 'יחוד כנסת ישראל עם דודה' - דער קשר וואס דער אויבערשטער האט מיט כנסת ישראל.

**דוד המלך'ס הארץ שפיגלט אפ די געפילן פון בית המקדש**

טאמער איינער וויל היינט צוטאג שפירן פונדערווייטנס עטוואס פון די געפילן וואס עס האט זיך געשפירט אין בית המקדש - זאל ער ארויסנעמען א תהלים'ל און צולייגן אביסל הארץ צו די פסוקים וואו דוד המלך רעדט פונעם בית המקדש; ווי לדוגמא: (תהלים מג, ד): "וְאָבוֹאָה אֶל מִזְבַּח אֱלֹקִים אֶל קֵל שִׂמְחַת גִּילִי" - דארטן האט זיך געשפירט ווי דער רבונו של עולם איז מיין פרייד און לעבנס לוסט! אדער אזא פסוק ווי (תהלים מח, ד): "אֱלֹקִים בְּאַרְמְנוֹתֶיהָ נוֹדַע לְמִשְׂגָּב" - אין די פאלאצן פון בית המקדש האט זיך געשפירט אז דער אויבערשטער איז אונזער באשיצער! און אזוי איז פארהאן נאך **גאר אסאך פסוקים אין תהלים וועלכע ברענגען ארויס די נאטורליכע הרגשים וואס אידן האבן געשפירט אין ירושלים בזמן שבית המקדש היה קיים.**

**דער בית המקדש האט געברענגט שמחה אויף דער וועלט**

פונקט ווי דער בית המקדש איז 'שמחת לבו' פונעם רבונו של עולם וועלכער פריידט זיך מיט זיין באליבטן כלל ישראל, אזוי אויך איז עס משפיע שמחה פאר כלל ישראל וועלכע פרייען זיך מיטן רבונו של עולם; ווי דער פסוק זאגט (תהלים קמט, ב): "יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו". און נישט נאר אויף כלל ישראל האט עס משפיע געווען שמחה, נאר אויף דער גאנצער וועלט האט עס געברענגט א שמחה; ווי דער פסוק זאגט (תהלים מח, ג): "מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ הַר צִיּוֹן" - דער בית המקדש איז א פלאץ פון וואו די גאנצע וועלט שעפט שמחה!

**דעמאלט זענען מיר פרייליך געווען!**

די גמרא זאגט (ברכות לא.): "אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה" - הייגט טאר מען נישט לאכן מיט א פול מויל. **וויבאלד הייגט טאר מען נישט ארויסגעבן די שמחה בשלימות, דערפאר ווייסן מיר נישט גענוג וואספארא גרויסער יסוד אין עבודת ה' עס איז די מדה פון 'שמחה'.** בזמן שבית המקדש היה קיים איז די גאנצע עבודת ה' צוגעגאנגען מיט א געוואלדיגע צופרידנקייט און פרייליכקייט, וואס דאס האט אויפגעהויבן די גאנצע עבודת ה' צו געוואלדיגע הויכע מדרגות! ווייל 'שמחה אמיתית' איז א מורא'דיגער יסוד אין עבודת ה'; ווי דער פסוק זאגט (תהלים ק, ב): "עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה". **ווען אימער א איד האט געוואלט ווערן 'א פרייליכער איד', ער האט געוואלט דינען דעם אויבערשטן מיט א שמחה - איז ער ארויפגעאנגען צום בית המקדש - 'משוש כל הארץ' און געווארן מיטגעשלעפט מיט דער שמחה** וואס האט דארט געהערשט. בפרט אין די דריי זמני השנה, 'מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון', וואס מען האט 'עולה רגל' געווען, וואס דעמאלט איז געווען א ספעציעלע מצוה פון שמחה; ווי עס שטייט (ויקרא כג, מ): "וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם", וואס דעמאלט האט דער רבונו של עולם קובע געווען אז מען זאל זיך פון דארטן אנשעפן שמחה אויף א גאנץ יאר.

**מיר האבן פארגעסן וואס עס מיינט דער מושג 'שמחה'**

דער נביא קלאגט (איכה ב, ו): "שִׁכַּח ה' בְּצִיּוֹן מוֹעֵד וְשַׁבָּת" - דער אויבערשטער האט געמאכט אז ציון זאל פארגעסן וואס דאס מיינט א יום טוב. דאס הייסט, **מען האט פארגעסן וואס עס מיינט אמת'דיגע 'שמחה', עס איז פשוט געווארן אויפגעטוישט פאלשע שמחה מיט אמת'ע שמחה,** אזוי ווייט אז מענטשן קענען אמאל מיינען אז די גוי'אישע הוללות דאס מיינט 'שמחה'; ווי למשל אז גוים נעמען זיך צוזאם און גייען ארויס ביינאכט ערגעץ צו א פארטי און עס שפילט ווילדע מוזיק און מען הוליעט - מיינען זיי אז דאס הייסט 'שמחה'... אין דער צייט וואס יעדער מענטש וואס טראכט נארמאל, פארשטייט אז דאס האט נישט קיין 'כי הוא זה' שייכות צום גאנצן מושג פון שמחה! עס איז פשוט אזא מין שרעקליכע 'עצבות' - וועלכע דרוקט זיך אויס אין הוללות! עס איז נישטא קיין טיפערע עצבות ווי דעם! און אמאל מאכט זיך, אז נעבעך א איד אין גלות מיינט נאך אז דאס הייסט שמחה. אויף דעם איז דער נביא מזהיר (הושע ט, א): "אַל תִּשְׂמַח יִשְׂרָאֵל אֶל גִּיל כָּעַמִּים" - דו זאלסט זיך נישט פרייען מיט דער סארט שמחה ווי דער גוי פריידט זיך. דאס איז נעבעך דער גרעסטער חורבן בית המקדש, דער גרעסטער עומק פון גלות, **דאס גרעסטע חשכות פונעם גלות - אז מען האט פארגעסן דעם מושג פון 'שמחה', מען ווייסט נישט וואס דאס מיינט ריכטיג שמחה! עס איז נישט שייך צו זאגן ווי פינסטער דאס איז!**

**וואו זענען די פרייליכע עובדי ה'?!**

נישט נאר מגושם'דיגע מענטשן וועלכע זענען נאנט צום גוי - ווייסן נישט וואס עס מיינט שמחה - נאר אפילו ביי עובדי ה' און בני תורה איז אויך פארהאן א גרויסער חסרון אין 'שמחה', **מען לערנט און דאווענט, אבער עס איז נישט מיט קיין 'שמחת הלב'! אז מען קוקט זיי אָן דערקענט מען נישט אז דאס זענען די גליקליכסטע און פריילעכסטע מענטשן אויף דער וועלט!** דאס קומט טאקע פון דעם אויבנדערמאנטן חסרון - וועלכע פעלט ביי עובדי ה' - אז עס פעלט זיי דער גאנצער שייכות צום בית המקדש, זיי שפירן נישט די געגועים און אבילות אויפן חורבן, דעריבער שפירן זיי אויך נישט די שמחה פונעם בית המקדש. ווייל ווילאנג מען האט נישט קיין קשר צו ירושלים - האט מען נישט קיין השגה וואס דאס מיינט שמחה!

**הם המתאבלים הם השמחים - די וועלכע האלטן אָן דעם קשר צום ביהמ"ק זענען פרייליך**

עס זענען נאך הייגט פארהאן צדיקים און יחידי סגולה, וועלכע זענען ריכטיג מתאבל אויף ירושלים, זיי בענקען און לעכצן מיט שטארקע געגועים צום בית המקדש. און וויבאלד זיי האבן א קשר צום בית המקדש - הערשט ביי זיי א 'מעין' פונעם בית המקדש! און דעריבער ווייסן זיי אויך וואס עס מיינט שמחה! זיי זענען אביסל מרגיש די שמחה וואס מען וועט זוכה זיין לעתיד לבוא אין ירושלים; ווי דער פסוק זאגט (ישעיה סו, י): **"שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל הַמִּתְאַבְּלִים עָלֶיהָ" - די וועלכע האבן געגועים און זענען מתאבל אויף ירושלים, זענען זוכה זיך צו פרייען מיט ירושלים! זיי ווייסן פון א מין שמחה וועלכע איז א גילוי פון דביקות אינעם רבונו של עולם!** א שמחה פון יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה! וואס דאס איז דער מכוון פון גאנץ תורה ומצוות! דורכדעם באקומט מען אינגאנצן אן אנדערן בילד אויפן רבונו של עולם און אויף זיין תורה! און דורכדעם קען מען זייער לייכט צוקומען צו טון א מצוה 'לשמה'! זיי זענען די ריכטיגע 'אנשי ירושלים'.

ג.

# זכור אהבתך הישנה: אויך הייגט אין גלות קען מען לעבן מיט א נאנטן 'קשר'

**דער פארקערטער עקסטרעם פון לשמה: בשנאת ה' אותנו**

ווען א מענטש פארשטייט אז דער עומק פון 'לשמה' מיינט נישט בלויז אז מען זאל נישט טראכטן פון די אייגענע אינטערעסן, נאר עס מיינט בעיקר אז מען זאל טון די מצוה מיט א נאנטקייט און א קשר צום רבונו של עולם, פארשטייט ער אויך אז **דער 'היפוך הגמור' פון לשמה איז, ווען א מענטש קוקט אָן גאנץ תורה און מצוות כאילו דער רבונו של עולם איז א שטרענגער משגיח וועלכער שטייט מיט א שטעקן און טיילט פעטש פאר יעדן וועלכער פאלגט נישט** אויס זיין באפעל. אויב א מענטש האט אזא בליק אויף תורה און מצוות - האט ער פארלוירן דעם גאנצן מכוון דערפון! ער וועט קיינמאל נישט צו קומען - דורך תורה און מצוות - צום תכלית פון 'יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה'.

**דער בליק פון חסידים אויפן ענין פון 'יראת העונש'**

ביי חסידים האט מען נישט געמאכט קיין גרויסן עסק פון יראת העונש, מען האט נישט אזויפיל ארומגעארבעט דערמיט. אודאי מוז יעדער מענטש האבן יראת העונש, און מען דארף אפילו אנהייבן די עבודה מיט יראת העונש; ווי עס שטייט אין רמב"ם (פה"מ סנהדרין י, א), אבער ביי חסידים האט מען אנגעקוקט אז **יראת העונש איז נישט אזוי ווייט א מדה פון 'יראה' - ווי אן עיקר אין 'אמונה'! עס איז נישט אזוי ווייט א חלק פון דער 'עבודה' - ווי א חלק פון דער 'השקפה'** וואס א איד דארף גלייבן און וויסן די עיקרי הדת אז די וועלט איז נישט הפקר! מען קען נישט לעבן מיט 'הפקרות', ווייל 'אית דין ואית דיין'.

**פחד פונעם בייטש איז נאכנישט קיין יראה פונעם רבוש"ע**

גאנץ דרך החסידות איז געבויעט אויף די יסודות פון 'ספר הזוהר'. דער זוהר הק' (ח"א יא:) רופט אָן יראת העונש מיטן פסוק (בראשית א, ב): "וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ", זאגט דער זוהר: 'הָאָרֶץ' מיינט 'יראה', 'תוהו ובוהו וחושך' מיינט 'יראת העונש', ווייל דער וואס האט מורא פונעם עונש - האט מורא פון דער 'סטרא אחרא' און נישט פונעם רבונו של עולם. אין אנדערע ווערטער: **א מענטש וואס קאכט זיך צו שטארק אין יראת העונש, קען אמאל ווערן פארדרייט אינעם ציור וויאזוי ער קוקט אָן דעם רבונו של עולם, אז עס וועט אים אויסקוקן כאילו דער רבונו של עולם איז א שטרענגער** און גאנץ תורה און מצוות זענען געגעבן געווארן צו מאכן שווער פארן מענטש חלילה. דעריבער האט מען נישט אזויפיל עוסק געווען ביי חסידים אין יראת העונש.

**וויאזוי קען מען הייגט האבן א בית המקדש'דיגן געפיל, דער גלות שרייט דאך 'התרחקות'?!**

לכאורה דארף מען פארשטיין: מיר ווייסן דאך אז דער גאנצער ביטערער גלות וואו מיר געפונען זיך שוין ליידער באלד צוויי טויזנט יאר - איז אן עונש אויף די חטאים וואס אידן האבן געזינדיגט בזמן הבית און אויף די חטאים וואס מען לייגט צו אין יעדן דור, וואס צוליב דעם ווערט עס נישט אויפגעבויעט; ווי חז"ל זאגן (ירושלמי יומא א, א): "כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו". נו, וויאזוי קען מען הייגט זיין מקושר צום רבונו של עולם מיט אט דעם בית המקדש'דיגן קשר פון אהבה, אין דער צייט וואס **דער מצב הגלות קלאפט אין פנים און דערמאנט אונז א גאנצן צייט דעם 'יראת העונש' - אז 'ומפני חטאינו גלינו מארצנו'?!**

**דער רבוש"ע האט אונז נישט אוועקגעווארפן - מיר זענען אוועקגעאנגען און מיר קענען צוריקקומען**

דער תירוץ איז: עס שטייט אין פסוק (איכה ג, לח): "מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת" - פונעם רבונו של עולם קומט נישט ארויס קיין שלעכטס, **דער רבונו של עולם שטראפט נישט קיינעם! נאר פארקערט, דער רבונו של עולם איז גוט און האט ליב יעדן איד! נאר דער מענטש האט א בחירה צי ער וויל זיין אונטערן רבונו של עולם אדער ער וויל אוועקגיין פונעם רבונו של עולם חלילה** - וואס דעמאלט שטראפט ער זיך אליינס! דאס הייסט, טאמער דער מענטש באהאלט זיך פונעם רבונו של עולם און ער וויל נישט לעבן מיט א נאנטקייט צו אים - באהאלט זיך דער רבונו של עולם פון אים! עס ווערט א 'הסתר פנים' און דער אויבערשטער איז אים נישט משפיע פון זיין זיסקייט און ליכטיגקייט! נו, אז דער אויבערשטער איז זיך 'מסתיר פניו', ווערט אים אויטאמאטיש פינסטער און טונקל! און אויטאמאטיש פארלירט ער די שמירה העליונה און ער ווערט צושלאגן פון די פילע אכזריות'דיגע מקטרגים וועלכע ער האט אליינס באשאפן דורך זיינע עוונות - וואס דאס איז די גאנצע תוכחה; ווי דער פסוק שמועסט אויס בפירוש (דברים כח, מז): "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל וְעָבַדְתָּ אֶת אֹיְבֶיךָ" - איך האב דיר גענומען אין מיין רשות אריין און דו האסט געקענט דינען דעם רבונו של עולם

המשך בעמוד הבא <<<

**נקודות:**

די עבודה פון בין המצרים איז, צו שפירן די געפילן וואס ירושלים פילט! צו מתאבל זיין צוזאמען מיט ירושלים – אויף דער גרויסער אבידה וואס מיר האבן פארלוירן! צו בענקען מיט שטארקע געגועים צום אויפבוי פונעם 'בנין בית השלישי'! און צו זיין אנגעפילט מיט אמונה און האפענונג אויף דער ישועה הקרובה לבוא! כאטש, מען דארף דאס באמת שפירן אויף א גאנץ יאר – דאך איז דער שורש דערפון די 'ימי בין המצרים' וועלכע לאזן איבער א רושם אויף א גאנץ יאר

# דרכי הצדיקים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

**הרה"ק רבי יצחק לוריא האריה"ק זי"ע – יו"ד ה' מנחם-אב**
לחיים בעיר לעיקוואד ג' מטו"מ תש"פ

- הרה"ק רבי משה קארדאווירא [הרמ"ק] זי"ע היה רבו של האר"י הק' זי"ע בתחלת דרכו בתורת הקבלה, לפני שנתגלו אליו הגילויים שזכה להם מן השמים, אשר מהם העמיד את חידושיו ודרכו הק' בתורת הקבלה.

האריה"ק השתתף בהלווית הרמ"ק והספיד אותו, בדבריו קרא עליו את הפסוק "כי יהיה באיש חטא משפט מות והומת ותלית אותו על עץ", ופירש כי 'חטא' הוא מלשון חסרון, דהיינו אם יהיה איש שיחסר בו 'משפט מות' שלא יהיה שום סיבה למה נפטר, שהרי לא עשה שום עבירה, 'ותלית אותו על עץ' תתלה את סיבת מיתתו בחטא עץ הדעת, עכ"ד. הרי שסבר האריה"ק כי הרמ"ק לא מת בחטאו, אלא הוא ממש כמו אותן שמתו בעטיו של נחש.

הרמ"ק כותב בהקדמתו לספריו כמה הוא חוטא ופושע, ומזכיר על עצמו עבירות חמורות וחטאות נעורים וכו', כאילו הוא החוטא הגדול ביותר. והוא פלאי פלאים באיזה שפלות הוא כותב על עצמו, והרי הוא אדם שאמר האריה"ק עליו שהיה בו 'חטא משפט מות', שלא מת בחטאו.

דרכו של הרמ"ק בתורת הקבלה היא כדרכם של ה'ראשונים' בנגלות התורה, שכל דבר אצלו מיוסד מאד, ומבואר באר היטב איך הוא לומד ומפרש כל ענין בדברי הזוה"ק, וכל יסוד בדבריו הוא מאד ברור, ולשונו בספריו מאד קדוש וברור בתכלית. והוא מסביר בדבריו את היסודות של הזוה"ק וקבלת הראשונים. ותלמידי הבעש"ט הק' זי"ע התעסקו הרבה בקבלת הרמ"ק.

- בכתבי מהרח"ו מובאים כתבים של האריה"ק - שכתבם האריה"ק בעצמו, אכן דבר ברור הוא כי הם ממה שכתב האריה"ק בהיותו תלמיד הרמ"ק, ואכן סגנון הלשון באותם הכתבים הוא בבירור כסגנון תלמידי הרמ"ק, והם דברים שנאמרו בבית מדרשו של הרמ"ק. כי אחר שנתגלו אל האריה"ק כל הגילויים שזכה להם, כבר לא היה יכול לכתוב כלל, וכמעט שלא היה יכול לדבר. וכמו שכתב מהרח"ו, שאמר לו האריה"ק אשר בכדי לדבר אליו הוא מוכרח למצוא איזה צינור דק, שעי"ז יוכל להתבטא ולדבר אליו. לפי שהתגלו אליו מעיינות החכמה בלי גבול, עד כדי שלא היה יכול כמעט לצמצם את עצמו ולדבר, ולכן ודאי שלא היה יכול לכתוב.

דברי האריה"ק הם גילויים מן השמים, ממש כמו 'תורה מסיני', כי אין דברי האריה"ק מיוסדים לבאר את הפשט בדברי הזוה"ק - כדברי הרמ"ק, אלא דבריו הם כדברי הזוה"ק בעצמו. והאריה"ק אינו צריך לסמוך את דבריו מן הזוה"ק, אלא הוא יכול לומר דברים מעצמו בלי שום סמך, כי דבריו הם תורה מן השמים. ואנו מתייחסים לדברי האריה"ק ממש כמו אל דברי התנאים בזוה"ק, בלי שום חילוק.

- האריה"ק אמר שהוא בא לעולם רק בכדי לתקן את נשמת הרח"ו ["ולא עוד אלא שאפילו עיקר ביאתו בגלגול הזה, לא היה אלא בעבורי - להשלים אותי" (שער הגלגולים הקדמה לח)]. ויש להפליא הרבה את כל מהלך איך שהיה עובד עמו, כמו שכתוב בספר הגלגולים איך שהיה האריה"ק מדבר אל הרח"ו. ולא היה האריה"ק רוצה ללמוד עם שום תלמיד אחר מלבד הרח"ו. אלא שהרח"ו לא רצה לרחק אנשים, וגם הר"מ אלשיך שהיה רבו של הרח"ו ביקש ממנו שיכניסו לפני האריה"ק, ולכן הכניס הרח"ו עוד כמה וכמה תלמידים. ובימיו האחרונים חזר האריה"ק ואמר לו שהוא הפסד גדול שאין הוא מלמד רק אותו בלבד, והוא יהיה מוכרח להסתלק עי"ז מן העולם. אבל הרח"ו ממש הכניס את עצמו בתוקף לזה, ואמר "יעבור עלי מה' כי איני יכול לרחק אף אחד. ודבר זה הוא פלא ממש, איך חלק הרח"ו עם רבו בכדי שלא לרחק אחרים. אבל אח"כ התחרט הרח"ו על מה שעשה, כי תוך כמה ימים חלה האריה"ק במגיפה, ונסתלק כמה ימים אח"כ, והיה רק בן ל"ז בפטירתו.

הרח"ו כותב כי היה בטבעו עצבן גדול והיו לו פיתויי היצר גדולים [לכן יש לי טורח להכניע את יצרי, וזו היא סיבת העצבות שיש בלבי תמיד (שם)], מחמת שורש נפשו וגלגולי נשמתו. והאריה"ק היה מחזקו הרבה, והיה אומר לו כי אין הוא יודע כמה גדול הוא, ואמר לו כי אם היה יודע את גדולת נשמתו ומה יהיה נעשה ממנו, היה כמעט פורח באויר מרוב שמחה [ואמר לי שהייתי יכול להשיג יותר מן המלאכים, מצד גודל ערך נשמתי, ושביאת נשמתי לעולם היתה לצורך גדול בעולם, ושלא היה בידו ורשותו לבאר יותר מזה, כי לא ניתן לו רשות. ושאם היה מגלה לי הענין, שהייתי כמעט פורח באויר מרוב השמחה על הענין, אלא שלא ניתן רשות לאמרו אז (שם)].

ודברים אלו הם רוה"ק גלויה - ממש פלאי פלאים, כי אכן כתבי הרח"ו ממש האירו את כל העולם. שהרי כל דרך החסידות, וכל דרך הגר"א, וכל האורות הגדולים המאירים עד ביאת המשיח, הכל בא מכח כתבי הרח"ו. וזה מה שאמר לו האריה"ק, שאין הוא יודע איזה דברים גדולים יפעל בעולם.

כתב הרח"ו כי שאל את רבו האריה"ק על מה שהוא אומר לו מגדולת נשמתו, והרי הוא יודע מה שהוא, ואין הוא נחשב כלל לעומת הצדיקים שבדורות הקדמונים. והשיב לו האריה"ק, כי בדורותינו שהקלי' התגברו, הרי כל מעשה קטן חשוב הרבה יותר ממעשים גדולים של הדורות הקודמים, ולכן הרי הוא אכן יותר גדול מן הקדמונים [פעם אחת שאלתי למורי ז"ל, איך היה אומר לי שנפשי היתה כ"כ מעולה כנז"ל, והרי הקטן שבדורות הראשונים, היה צדיק וחסיד, שאין אני מגיע לעקבו. ואמר לי, דע לך, כי אין גדולת הנפש תלויה כפי מעשה האדם, רק כפי הזמן והדור ההוא. כי מעשה קטן מאד בדור הזה שקול בכמה מצות גדולות שבדורות אחרים כי בדורות אלו הקליפה גוברת מאד מאד לאין קץ, משא"כ בדורות ראשונים (שם)].

<<< המשך מעמ' הקודם

מיט א שמחה און א גוטן געמיט, נו, דו האסט נישט געוואלט? דו ביסט אוועק געגאנגען פון דעם גוטן פלאץ - צו 'ועבדת את אויבך'? נו, וועסטו זיין אונטערן רשות פון דיינע שונאים און דו וועסט זיי דינען.

### ווער עס וויל קען היינט אויך זיך מדבק זיין אינעם רבוש"ע כימי קדם

דער פסוק זאגט (מלאכי ג, ו): "אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי" - אפילו אין גלות האט זיך דער רבונו של עולם גארנישט געטוישט! דער רבונו של עולם איז 'תכלית הטוב' וואס ס'איז גארנישט שייך צו זאגן! און **אפילו היינטיגע צייטן, דער וואס וויל - קען זיך מדבק זיין אינעם רבונו של עולם און אריינגיין אונטער זיין רשות, און דעמאלט איז ער נישט אין גלות! ער געפונט זיך אין א מקום וואו עס איז נישטא דארט קיין עונשים און קיין גלות!** יעדער מענטש האט א בחירה יעדן טאג: ער קען זיין אן 'איש ירושלים' - וועלכער לעבט אין דער 'מחנה שכינה' און איז דבוק מיט א געוואלדיגן קשר צום רבונו של עולם - וואס דעמאלט וועט אים זיין זיס און ליכטיג בזה ובבא, אדער קען ער זיין א 'גלות איד' - וועלכער זוכט זיך גליקן אָן דעם רבונו של עולם - וואס דעמאלט גייט ער בבחירתו אין גלות אריין!

### די שלש רגלים זענען געווען מיוחד פאר א פרייליכן קשר מיטן בית המקדש

בזמן שבית המקדש היה קיים איז געווען ספעציעלע זמנים וועלכע זענען געווען מיוחד זיך צו מקשר זיין מיטן בית המקדש - דאס זענען די ימים טובים (וועלכע זענען בסך הכל געווען איין-און-צוואנציג טעג - אויב מען רעכנט אויך אריין די ז' ימי תשלומין פון שבועות), וואס דעמאלט פלעגט מען קומען קיין ירושלים און זיך געפריידט מיט קדושת 'ציון וירושלים'. כאטש וואס מען האט זיכער געהאט א קשר צום בית המקדש יעדן טאג - דאך איז דער שורש דערצו געווען די איין-און-צוואנציג 'ימי עליה לרגל' וועלכע האבן איבערגעלאזט א רושם אויף א גאנץ יאר.

### די דריי וואכן איז מיוחד פאר א בענקענדיגן קשר מיטן בית המקדש

עכשיו שלא זכינו, וויבאלד מיר זענען ליידער אין גלות און מיר זענען נישט זוכה צו זיין מקושר צו 'ירושלים בבנינה' - האט מען אונז געגעבן די איין-און-צוואנציג טאג פון 'בין המצרים' צו זיין מקושר צום איצטיגן ירושלים - 'ירושלים בגלותה'. און כאטש מען דארף זיין מקושר דערצו אויף א גאנץ יאר - דאך איז דער שורש דערפון די איין-און-צוואנציג 'ימי בין המצרים' וועלכע לאזן איבער א רושם אויף א גאנץ יאר. **די עבודה פון די ימי בין המצרים איז, צו האבן א הארץ פאר 'ציון וירושלים'! צו שפירן די געפילן וואס ירושלים פילט! צו מתאבל זיין צוזאמען מיט ירושלים - אויף דער גרויסער אבידה וואס מיר האבן פארלוירן! צו בענקען מיט שטארקע געגועים צום אויפבוי פונעם 'בנין בית השלישי'!** צו זיין אנגעפילט מיט אמונה און האפענונג אויף דער ישועה הקרובה לבוא!

### די הארציגע שטיקלעך פון 'ציון הלא תשאלי'

כדי צו באקומען א שטיקל הארץ צו 'ציון וירושלים' איז זייער כדאי - דורכאויס די 'ימי בין המצרים' - אריינצוקוקן אין די פיוטי הקינות וואס די קדמונים האבן מחבר געווען, בפרט אין די לעצטערע פיוטים פון רבי יהודה הלוי וועלכע פאנגען זיך אן מיטןווארט 'ציון'. דורכאויס די דריי וואכן קען מען זיך מתבונן זיין און זען וויאזוי אזא נשמה פון רבי יהודה הלוי - דער 'ראש המשוררים' - רעדט וועגן ציון און ירושלים, אזעלכע הארציגע לשונות: "**חַיֵּי נְשָׁמוֹת - אֲוִיר אַרְצֵךְ**" - די לופט פון דיין לאנד איז נשמה'דיג! "**אַהֲבָה וְחֵן תִּקְשְׁרִי מֵאָז, וּבָךְ נִקְשְׁרוּ נַפְשׁוֹת חֲבֵרַיִךְ הֵם הַשְּׂמֵחִים לְשַׁלְוָתֵךְ וְהַכּוֹאֲבִים עַל שׁוֹמְמוּתֵךְ וּבוֹכִים עַל שִׁבְרָיִךְ**" - דו האסט מעורר געווען אזא ליבשאפט און חן, אז דיינע חברים זענען געווארן צוגעקניפט צו דיר! זיי האבן זיך געפריידט ווען עס איז דיר גוט געווען און זיי וויינען היינט אויף דיין חורבן! "**לִבְכּוֹת עֱנוּתֵךְ אֲנִי תַנִּים, וְעֵת אֶחֱלֹם שִׁיבַת שְׁבוּתֵךְ - אֲנִי כִנּוֹר לְשִׁירָיִךְ**" - דער 'תנים' איז אזא סארט בריה וועלכע וויינט גאר שטארק, דאס זאגט ער: "לבכות ענותך אני תנים" - מיטצואוויינען מיט דיין צובראכנקייט בין איך ווי א 'תנים', אבער "בעת אחלום שיבת שבותך" - ווען איך הייב אָן צו חלומ'ען וויאזוי עס וועט אויסזען ווען מען וועט צוריקקומען צו דיר, "אני כנור לשיריך" - בין איך דער פידל צו זינגען דיינע שירות! "**שִׁנְעָר וּפַתְרוֹס הֲיַעַרְכוּךְ בְּגָדְלָם, וְאִם הֶבְלָם יְדַמּוּ לְתֻמַּיִךְ וְאוּרָיִךְ**" - די גוים זענען פארנומען מיט זייערע הצלחות אין גלות, אבער "ואם ידמו לתומיך ואוריך" - צי קענען זייערע שטותים זיך פארגלייכן צו דיינע אורים ותומים?! דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין בבניינו ברחמים. במהרה בימינו. אמן.

ישר 718.484.2189



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 718.438.0032 #3